בעזרת השם יתברך

# סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת

גליון

## פאר'ן שבת טיש



פרשת מקץ
ד' טבת שנת תשפ"א לפ"ק
שנה 2, גליון 9
(24)

ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב

שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיֵּרָא שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעוֶועןאִין יְשִׁיבָה אִין ווילְיַאמְסְבּוּרְג; נָאכְ'ן דַאוֶוענֶען הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אָנְגֶעהוֹיבְּן אַ נַייֶע מַעֲשֶׂה אִין סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת; מַעֲשֶׂה ה', מִבֶּן מֶלֶךְ שֶׁהָיָה מֵאֲבָנִים טוֹבוֹת.

### דֶערְצֵיילְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי:

אַמָאל אִיז גִיוֶוען אַ מֶלֶךְ. דֶער מֶלֶךְ הָאט קֵיין קִינְדֶער נִיט גִיהַאט. אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען אוּן הָאט זִיךְ גִיפָּארֶעט מִיט דָאקְטוֹירִים. כְּדֵי זַיין מְלוּכָה זָאל נִיט פַאר פְרֶעמְד וֶוערִין. זֵיי הָאבִּין אִים אָבֶּער נִיט גִיהָאלְפְּן. הָאט עֶר גוֹזֵר גִיוֶוען אוֹיף יוּדְן אַז זֵיי זָאלִין פַאר אִים מִתְפַּלֵל זַיין. אַז עֶר זָאל הָאבִּין יוּדִין גִיזוּכְט אַ צַדִּיק. כְּדֵי עֶר זָאל מִתְפַּלֵל זַיין אוּן זָאל פּוֹעֶלִין. אַז עֶר זָאל הָאבִּין קִינְדֶער. הָאבְּן זֵיי גִיזוּכְט אוּן הָאבִּין גִיפוּנֶען אַ בַּאהַאלְטִינֶעם צַדִּיק. אוּן זֵיי הָאבִּין אִים גִיזָאגְט אַז עֶר זָאל מִתְפַּלֵל זַיין אַז דֶער מֶלֶךְ זָאל הָאבְּן קִינְדֶער. הָאט עֶר גִיעֶנְפֶּערְט עֶר וֵויסְט גָאר נִיט. הָאבִּין זֵיי דָאס מוֹדִיעַ גִיוֶוען דֶעם מֶלֶךְ (כַּאֲשֶׁר אַז סֶע אִיז דָא אַ בַּאהַאלְטִינֶער צַדִּיק נָאר עֶר זָאגְט עֶר וֵויסְט גָאר נִיט) הָאט דֶער מֶלֶךְ גִישִׁיקְט אֵיין אוֹקַאז נָאךְ אִים. הָאט מֶען אִים גִיבְּרַאכְט צוּם מֶלֶךְ. הָאט דֶער מֶלֶךְ מִיט אִים אָנְגֶיהוֹיבְּן צוּ שְׁמוּסִין מִיט גוּטְן. דוּ וֵויסְט דוֹךְ. אַז דִי יְהוּדִים זֶענֶען בַּיי מִיר אִין דֶער הַאנְט. אִיךְ קָאן טָאן מִיט זֵיי וָואס אִיךְ וִויל. בְּכֵן בֶּעט אִיךְ דִיךְ מִיט גוּטִין זַיי מִתְפַּלֵל. אִיךְ זָאל הָאבִּין קִינְדֶער. הָאט אִים דֶער צַדִּיק מַבְטִיחַ גִיוֶוען אַז עֶר זָאל הָאבִּין דָאס יָאר אַ קִינְד אוּן אִיז זִיךְ אַהֵיים גִיגַאנְגֶען. הָאט דִי מַלְכָּה גִיהַאט אֵיין טָאכְטֶער. אוּן דִי בַּת מַלְכָּה אִיז גִיוֶוען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע פַּארְשׁוֹין. אוּן אַז זִי אִיז אַלְט גִיוֶוען פִיר יָאר. הָאט זִי גִיקֶענְט אַלֶע חָכְמוֹת אוּן אַלֶע לְשׁוֹנוֹת אוּן שְׁפִּילִין אוֹיף כֵּלִים. זֶענֶען גִיפָארִין אַלֶע מְלָכִים פוּן אַלֶע מְדִינוֹת. זִי

<<<

## אַ וָוארט פַאר'ן שַׁבָּת טִישׁ

הֲנִמְצָא כָזֶה אִישׁ אֲשֶׁר רוּחַ אֱלֹקִים בּוֹ?
(בְּרֵאשִׁית מ"א, ל"ח)

מֶען זֶעט אִין דִי תּוֹרָה אַז אֲפִילוּ פַּרְעֹה, וֶוען עֶר הָאט גֶעהַאט זַיין שְׁלֶעכְטֶע חָלוֹם הָאט עֶר אוֹיךְ גֶעוואוּסְט אַז אַלֶע פּוֹתְרֵי חֲלוֹמוֹת זֶענֶען הֲבֵל הֲבָלִים אוּן עֶר הָאט נָאר אוֹיסְגֶעהֶערְט יוֹסֵף. וֶוען יוֹסֵף הַצַּדִּיק אִיז גֶעקוּמֶען אוּן אִים פּוֹתֵר חָלוֹם גֶעוֶוען הָאט עֶר אִים אוֹיסְגֶעהֶערְט אוּן גֶעזָאגְט (בְּרֵאשִׁית מא, לח): "הֲנִמְצָא כָזֶה אִישׁ אֲשֶׁר רוּחַ אֱלֹקִים בּוֹ?" זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, וָואס הָאט בַּאוואוֹיגְן פַּרְעֹה אוֹיסְצוּהֶערְן נָאר יוֹסֵף הַצַּדִּיק? נָאר וִוילַאנְג אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט נִישְׁט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַלֶעס נַארִישְׁקֵייטְן אוּן אֲפִילוּ פַּרְעֹה, דֶער גוֹי טָמֵא, הָאט דָאס אוֹיךְ פַארְשְׁטַאנֶען. דִי אַנְדֶערֶע פּוֹתְרֵי חֲלוֹמוֹת הָאבְּן אִים גֶעזָאגְט: "דוּ גֵייסְט הָאבְּן זִיבְּן טֶעכְטֶער אוּן זֵיי גֵייעֶן שְׁטַארְבְּן", אָדֶער: "דוּ גֵייסְט אַיינֶעמֶען זִיבְּן שְׁטֶעט וְכוּ'", שְׁטֵייט (שָׁם, ח): "וְאֵין פּוֹתֵר אוֹתָם לְפַרְעֹה", זָאגְט רַשִׁ"י: "פּוֹתְרִים הָיוּ אוֹתָם, אֲבָל לֹא לְפַרְעֹה, שֶׁלֹּא הָיָה קוֹלָן נִכְנַס בְּאָזְנָיו, וְלֹא הָיָה לוֹ קוֹרַת רוּחַ בְּפִתְרוֹנָם", זֵיי הָאבְּן אִים פּוֹתֵר חָלוֹם גֶעוֶוען אָבֶּער עֶס אִיז נִישְׁט אַרַיין אִין פַּרְעֹה'ס אוֹיעֶר; וַוייל וִוי לַאנְג מֶען רֶעדְט נִישְׁט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אַלֶעס נַארִישְׁקֵייטְן.

וֶוען יוֹסֵף הָאט גֶעזָאגְט (שָׁם, טז): "בִּלְעָדַי, אֱלֹקִים יַעֲנֶה אֶת שְׁלוֹם פַּרְעֹה", אִיךְ וֵייס גָארְנִישְׁט, נָאר וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט מִיר מַאכְן פַארְשְׁטֵיין וֶועל אִיךְ זָאגְן פַאר פַּרְעֹה. אָדֶער וֶוען פַּרְעֹה הָאט גֶעעֶנְדִיגְט פַארְצֵיילְן זַיין חָלוֹם הָאט יוֹסֵף גֶעזָאגְט (שָׁם, כה): "אֵת אֲשֶׁר הָאֱלֹקִים עֹשֶׂה, הִגִּיד לְפַרְעֹה", וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֵייט טוּן הָאט פַּרְעֹה זִיךְ גֶע'חָלוֹמְ'ט; הָאט פַּרְעֹה גְלַייךְ פַארְשְׁטַאנֶען אַז דֶער מֶענְטְשׁ רֶעדְט צוּם זַאךְ.

ווּאוֹיל אִיז דִיר אַז דוּ הָאסְט אַ רֶבִּי וֶועם דוּ פְרֶעגְסְט דַיינֶע שְׁאֵלוֹת אוּן דַיינֶע קִינְדֶער גֵייעֶן צוּ אִים נֶעמֶען יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן חִיזּוּק. דָאס אִיז פוּן דִי ווִיכְטִיגְסְטֶע זַאכְן אִין חִינוּךְ, צוּ וַוייזְן פַאר קִינְדֶער אַז מֶען הָאט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד מִיט וֶועם מֶען אִיז זִיךְ שׁוֹאֵל עֵצָה וְכוּ'. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת בָּנִים, סִימָן סו): "מִי שֶׁהוּא מַקְטִין אֶת עַצְמוֹ בִּפְנֵי רַבּוֹ, וְשׁוֹאֵל מִמֶּנּוּ כָּל הַסְּפֵקוֹת", וֶוער עֶס הַאלְט זִיךְ קְלֵיין פַאר זַיין רֶבִּי אוּן פְרֶעגְט פוּן זַיין רֶבִּי אַלֶע זַיינֶע סְפֵיקוֹת, "אַף עַל פִּי שֶׁרַבּוֹ מְבַיֵּשׁ אוֹתוֹ", אֲפִילוּ זַיין רֶבִּי פַארְשֶׁעמְט אִים - פְרֶעגְט עֶר אִים נָאךְ אַלְץ זַיינֶע שְׁאֵלוֹת אוּן סְפֵיקוֹת, "עַל יְדֵי זֶה זוֹכֶה שֶׁיּוֹצֵא מִמֶּנּוּ בֵּן שֶׁהוּא גָּדוֹל בַּתּוֹרָה יוֹתֵר מֵרַבּוֹ", דוּרְכְדֶעם וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער וָואס וֶועלְן זַיין גְרֶעסֶער פוּן זַיין רֶבִּי אִין תּוֹרָה.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה תְּצַוֶּה תשע"ח)

צוּ זֶעהְן. אוּן סֶע גִיוֶוען אוֹיף דֶעם מֶלֶךְ אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה.

דֶער נָאךְ הָאט דֶער מֶלֶךְ זַייעֶר גִיוָואלְט. עֶר זָאל הָאבְּן אֵיין זוּן כְּדֵי דִי מְלוּכָה זָאל נִיט אַוֶועק גֵייעֶן צוּ אֵיין פְרֶעמְדְן. הָאט עֶר ווִידֶער גוֹזֵר גִיוֶוען אוֹיף יוּדִין אַז זֵיי זָאלִין מִתְפַּלֵל זַיין אַז עֶר זָאל הָאבְּן אֵיין זוּן. הָאבְּן זֵיי גִיזוּכְט דֶעם עֶרְשְׁטְן צַדִיק. אוּן זֵיי הָאבִּין אִים שׁוֹין נִיט גִיפוּנֶען וָוארִין עֶר אִיז שׁוֹין גִישְׁטָארְבִּין. הָאבְּן זֵיי וַוייטֶער גִיזוּכְט. הָאבִּין זֵיי גִיפוּנֶען. נָאךְ אַ בַּאהַאלְטִינֶעם צַדִיק.

הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזָאגְט: דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט אוּנְז דָא אַז אִין יֶעדֶע דוֹר זֶענֶען דָא צַדִיקִים, מֶען דַארְף זֵיי נָאר אוֹיפְזוּכְן - וֶועט מֶען זֵיי טְרֶעפְן; ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט דָא: "הָאבְּן זֵיי גִיזוּכְט דֶעם עֶרְשְׁטְן צַדִיק, אוּן זֵיי הָאבִּין אִים שׁוֹין נִיט גִיפוּנֶען וָוארִין עֶר אִיז שׁוֹין גִישְׁטָארְבִּין, הָאבְּן זֵיי וַוייטֶער גִיזוּכְט, הָאבִּין זֵיי גִיפוּנֶען נָאךְ אַ בַּאהַאלְטִינֶעם צַדִיק". ווִי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (יוֹמָא לח:): "אָמַר רַבִּי חִיָּיא בַּר אַבָּא אָמַר רַבִּי יוֹחָנָן: "רָאָה הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא שֶׁצַּדִּיקִים מוּעָטִין עָמַד וּשְׁתָלָן בְּכָל דּוֹר וָדוֹר", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַיינְגֶעטֵיילְט דִי צַדִיקִים פַּאר יֶעדְן דוֹר; אִין יֶעדֶע דוֹר אִיז דָא אַ צַדִיק וָואס הֶעלְפְּט אִידִישֶׁע קִינְדֶער מִיט מְסִירַת נֶפֶשׁ, אוּן לֶערְנְט זֵיי אוֹיס ווִי אַזוֹי מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן קִינְדֶער, קִינְדֶער וָואס וֶועלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן. וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס גֵייט צוּם צַדִיק - וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער.

אוּן זֵיי הָאבִּין אִים גִיזָאגְט. אַז עֶר זָאל גִיבִּין דֶעם מֶלֶךְ אַ זוּן. הָאט עֶר גִיזָאגְט. עֶר וֵויסְט גָאר נִיט. הָאבְּן זֵיי ווִידֶער מוֹדִיעַ גִיוֶוען דֶעם מֶלֶךְ. הָאט דֶער מֶלֶךְ דֶעם צַדִיק אוֹיךְ אַזוֹי גִיזָאגְט: דוּ וֵוייסְט דוּךְ אַז דִי יְהוּדִים זֶענֶען בַּיי מִיר אִין דֶער הַאנְט. וְכוּ' כַּנַ"ל. הָאט אִים דֶער חָכָם (דְהַיְינוּ דֶער צַדִיק) גִיזָאגְט. וֶועסְטוּ אָבֶּער קֶענֶען טוּן וָואס אִיךְ וֶועל דִיר הֵייסִין. הָאט דֶער מֶלֶךְ גִיזָאגְט יָוֹא. הָאט דֶער חָכָם צוּ אִים גִיזָאגְט: אִיךְ בַּאדַארְף אַז דוּ זָאלְסְט בְּרֶענְגֶען אַלִירְלֵיי אֲבָנִים טוֹבוֹת (כְּלוֹמַר דוּמִיט וַוארְג) וָוארִין אִיטְלִיכֶער אֶבֶן טוֹב הָאט אִין זִיךְ אֵיין אַנְדֶערֶע סְגוּלָה. אוּן בַּיי דִי מְלָכִים אִיז פַּאר הַאנְדְן אַ סֵפֶר וָואס דָארְט אִיז פַארְשְׁרִיבְּן אַלִירְלֵיי אֲבָנִים טוֹבוֹת. הָאט דֶער מֶלֶךְ גִיזָאגְט. אִיךְ וֶועל אוֹיס בְּרֶענְגֶען. מַיין הַאלְבֶּע מְלוּכָה. אַבִּי אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ זוּן אוּן אִיז גִיגַאנְגֶען. אוּן הָאט אִים גִיבְּרַאכְט אַלִירְלֵיי אֲבָנִים טוֹבוֹת. הָאט דֶער חָכָם זֵיי גִינוּמֶען. אוּן הָאט זֵיי צוּ קְלַאפְּט. אוּן הָאט גִינוּמֶען אַ בֶּעכֶער וַויין. אוּן הָאט זֵיי אַרַיין גִישִׁיט אִין דֶעם וַויין. אוּן עֶר הָאט גִיגֶעבִּין אַ הַאלְבְּן בֶּעכֶער וַויין דֶעם מֶלֶךְ טְרִינְקֶען. אוּן דִי אַנְדֶערֶע הֶעלְפְט. דֶער מַלְכָּה.

אוּן הָאט צוּ זֵיי גִיזָאגְט. אַז זֵיי וֶועלִין הָאבִּין אַ זוּן. וָואס עֶר וֶועט זַיין דוּרְךְ פוּן אֲבָנִים טוֹבוֹת אוּן עֶר וֶועט אִין זִיךְ הָאבִּין אַלֶע סְגוּלוֹת פוּן אַלֶע אֲבָנִים טוֹבוֹת. אוּן אִיז אַהֵיים גִיגַאנְגֶען. הָאט דִי מַלְכָּה גִיהַאט אַ זוּן. אִיז גִיוָוארִין אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה אוֹיף דֶעם מֶלֶךְ. נָאר דֶער זוּן אִיז נִיט גִיוֶוען פוּן אֲבָנִים טוֹבוֹת. אַז דֶער זוּן אִיז אַלְט גִיוֶוען פִיר יָאר. אִיז עֶר גִיוֶוען אַ גְרוֹיסֶער פַּארְשׁוֹין אוּן אַ גְרוֹיסֶער חָכָם אִין אַלֶע חָכְמוֹת. אוּן הָאט גִיקֶענְט אַלֶע לְשׁוֹנוֹת. זֶענֶען גִיפָארִין מְלָכִים אִים זֶעהְן.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן: עֶס אִיז דָאךְ בַּאוואוּסְט דֶעם סִיפּוּר אַז אַ אִיד אִיז גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן מִיט זַיינֶע חִידוּשִׁים וָואס עֶר הָאט מְחַדֵשׁ גֶעוֶוען אוֹיף אַ תּוֹרָה אִין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ אָנְגֶערוּפְן אוּן גֶעזָאגְט: "אִיר מֶעגְט קְנֵייטְשְׁן מַיין סֵפֶר ווִי אַזוֹי אִיר ווִילְט (דָאס מֵיינְט, אִיר קֶענְט זָאגְן אַלֶע סָארְט פְּשָׁטִים אִין מַיינֶע תּוֹרוֹת), מִיט אֵיין תְּנַאי, אַז אִיר זָאלְט נִישְׁט אָפְּטְרֶעטְן פוּן אַ סְעִיף קָטָן אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ", זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז דֶער רֶבִּי גֶעבְּט רְשׁוּת צוּ זָאגְן אַלֶע פְּשָׁטִים אִין זַיינֶע סְפָרִים.

אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַרַיין אִין אַ הֶערְלִיכֶע שִׁיעוּר אִיבֶּער 'שָׁלוֹם בַּיִת' אוּן גֶעזָאגְט: דֶער צַדִיק ווִיל אוּנְז דָא אוֹיסְלֶערְנֶען, אַז מֶען ווִיל זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער, גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער, עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, קִינְדֶער וָואס גֵייעֶן בְּדֶרֶךְ הַתּוֹרָה - דַארְף מֶען זֶען צוּ הָאבְּן אַ גוּטֶע שָׁלוֹם בַּיִת; דֶערְפַאר הָאט דֶער צַדִיק גֶעגֶעבְּן אַ הַאלְבֶּע בֶּעכֶער וַויין פַארְ'ן מֶלֶךְ אוּן דִי אַנְדֶערֶע הֶעלְפְט פַאר דִי מַלְכָּה, זֵיי צוּ לֶערְנֶען מִיט דֶעם אַז צוּ הָאבְּן קִינְדֶער אִיז דֶער יְסוֹד - 'שָׁלוֹם בַּיִת', לֶעבְּן אִינְאֵיינֶעם בְּשׁוּתְּפוּת, הַאלְבּ אוֹיף הַאלְבּ, קֵיינֶער זָאל זִיךְ נִישְׁט הַאלְטְן גְרֶעסֶער אוּן חָשׁוּבֶ'ער פוּנֶעם צְוֵויטְן.

אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט דָאס בְּרֵייטֶער מַסְבִּיר גֶעוֶוען: יֶעדֶע מֶענְטְשׁ אוֹיף דִי ווֶועלְט הָאט סֵיי מַעֲלוֹת אוּן סֵיי חֶסְרוֹנוֹת, אִיז דִי אַרְבֶּעט פוּן יֶעדֶע פַּאר-פָּאלְק שְׁטֶענְדִיג נָאר צוּ זוּכְן דֶעם צְוֵוייטְנְס מַעֲלוֹת אוּן נִישְׁט דִי חֶסְרוֹנוֹת חַס וְשָׁלוֹם. דֶער מַאן דַארְף שְׁטֶענְדִיג זוּכְן אִין זַיין וַוייבּ אִירֶע מַעֲלוֹת, אִירֶע זַאכְן וָואס זִי טוּט זִיךְ אוֹיסְצֵייכֶענֶען אוּן טוֹיגְט וְכוּ', אוּן אַזוֹי אוֹיךְ

דִי פְּרוֹי דַארְף שְׁטֶענְדִיג זוּכְן אִין אִיר מַאן זַיְינֶע מַעֲלוֹת, זַיְינֶע זַאכְן וָואס עֶר טוּט זִיךְ אוֹיסְצֵייכֶענֶען אוּן טוֹיגְט וְכוּ'; ווִידֶערְאוּם דִי חֶסְרוֹנוֹת וָואס בֵּיידֶע הָאבְּן, דַארְף מֶען ווִיסְן אַז דֶער מַאן אִיז מַשְׁלִים דִי ווַייבְּס חֶסְרוֹנוֹת אוּן דִי ווַייבּ אִיז מַשְׁלִים דֶעם מַאן'ס חֶסְרוֹנוֹת, אוּן מֶען מַאכְט זִיךְ נִישְׁט צוּטוּן דֶערְפוּן.

דָאס אִיז זֵייעֶר אַ ווִיכְטִיגֶע יְסוֹד אוּן נָאר מִיט דֶעם יְסוֹד קֶענֶען עֶלְטֶערְן הָאבְּן הַצְלָחָה מִיט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער; עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין בֶּעסֶערֶע זַאךְ, קַיין בֶּעסֶערֶע מַתָּנָה, וָואס עֶלְטֶערְן קֶענֶען שֶׁענְקְן פַאר זֵייעֶרֶע קִינְדֶער ווִי דָאס אַז זֵיי רֶעדְן שֵׁיין אֵיינֶער מִיטְ'ן צְווֵייטְן, זֵיי שֶׁעצְן אוּן קוּקְן אַרוֹיף - אֵיינֶער אוֹיפְ'ן אַנְדֶערְן, דָאס ווֶעט הֶעלְפְן אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן קֶענֶען אוֹיפְוַואקְסְן גֶעזוּנְט אוּן עֶרְלִיךְ.

אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט ווַייטֶער גֶעזָאגְט: עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער פַאר עֶלְטֶערְן צוּ פַארְשְׁטֵיין דֶעם מֹחַ פוּן זֵייעֶר קִינְד, ווַייל אַ קִינְדְ'ס מֹחַ אִיז טוֹיזְנְטֶער מַייל אָפְּגֶערִיקְט פוּן אַן עֶרְוַואקְסֶענֶער מֶענְטְשְׁן'ס מֹחַ, דֶערְפַאר כַאפְּן נִישְׁט עֶלְטֶערְן אַז דֶער ווֶעג ווִי אַזוֹי זֵיי גֵייעֶן זִיךְ אוּם אִין שְׁטוּב שַׁאדְט פַאר זֵייעֶרֶע קִינְדֶער, מֶען קֶען טַאקֶע נִישְׁט דֶערְקֶענֶען אוֹיפְ'ן קִינְד גְלַייךְ וָואס עֶס מַאכְט אוֹיס אוֹיף אִים, אָבֶער דֶער אֱמֶת אִיז אַז קִינְדֶער כַאפְּן אַלֶעס אוֹיף, אוּן דָאס ווֶעט אִים שְׁפֶּעטֶער צוּגְרוּנְד לֵייגְן רַחֲמָנָא לִצְּלָן; קִינְדֶער וָואס זֶעעֶן צוּ אִינְדֶערְהֵיים ווִי זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן קְרִיגְן זִיךְ, אֲפִילוּ נִישְׁט קַיין גְרוֹיסֶע קְרִיגֶערַייעֶן נָאר סְתָּם ווִיכּוּחִים, מֶען רֶעסְפֶּעקְטִירְט זִיךְ נִישְׁט אֵיינֶער דֶעם צְווֵייטְן וְכַדּוֹמֶה - דֶעמָאלְט ווֶערְן זֵיי זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן אוּן פַארְלוֹירְן, זֵייעֶר מֹחַ קֶען דָאס נִישְׁט דֶערְהֵייבְּן, זֵיי פַאלְן אַרַיין אִין פְּחָדִים, אִין דִמְיוֹנוֹת וְכוּ', וְכוּ', רַחֲמָנָא לִצְּלָן, רַחֲמָנָא לִשֵׁיזְבָן.

אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט דֶערְצֵיילְט: אַ אִינְגֶערְמַאן הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט אַז אַלְס קִינְד פְלֶעגְט עֶר יֶעדֶע נַאכְט שְׁטֵיין בַּיי זַיְינֶע עֶלְטֶערְן'ס שְׁלָאף שְׁטוּב, זִיךְ ווַארְפְנְדִיג אַ גַאנְצֶע נַאכְט פַאר שְׁרֶעק אַלְס מוֹרָא וָואס גֵייט גֶעשֶׁען בַּאלְד מִיט זַיְינֶע עֶלְטֶערְן, עֶר הָאט אַרוֹיס גֶעהֶערְט פוּן זֵייעֶר שְׁטוּב הוֹיכֶע גֶעשְׁרֵייעֶן אוּן ווִיכּוּחִים, עֶר הָאט זִיךְ אַרוּם גֶעדְרֵייְדְט מִיט גֶעוַואלְדִיגֶע פְּחָדִים אוּן דִמְיוֹנוֹת אִין קָאפּ, וָואס גֵייט פַּאסִירְן דֶעם קוּמֶענְדִיגְן מִינוּט: 'ווֶעלְן מַיְינֶע עֶלְטֶערְן זִיךְ צֶעטֵיילְן אָדֶער גֶטְ'ן רַחֲמָנָא לִצְּלָן, אָדֶער ווֶעט מַיין מַאמֶע אַוֶועק לוֹיפְן פוּן שְׁטוּב וְכוּ' וְכוּ''.

דֶערְפַאר דַארְפְן עֶלְטֶערְן טוּן אַלֶעס אוֹיף דִי ווֶעלְט, אַלֶעס וָואס אִיז שַׁיָּיךְ צוּ טוּן אַז עֶס זָאל הֶערְשְׁן אַ גֵייסְט פוּן פְרִידְן אוּן רוּאִיגְקֵייט אִין שְׁטוּב, ווַייל אֵיינְמָאל אַ קִינְד פַאלְט אַרַיין אִין פְּחָדִים וְכוּ' אִיז כִּמְעַט נִישְׁט מֶעגְלִיךְ דָאס צוּ הֶעלְפְן אוֹיסְהֵיילְן עֶר זָאל אוֹיפְוַואקְסְן גֶעזוּנְט, אוֹיסֶער אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט מֶען הָאט אַן אוֹיסֶער-גֶעווֶענְלִיכֶע גֶעטְרֵייעֶ מְנַהֵל אָדֶער מְלַמֵּד, וָואס ווֶעט קֶענֶען אַרַיין גֵיין אִינֶעם קִינְדְ'ס מֹחַ, גֶעווָאוִיר ווֶערְן וָואס גֵייט פָאר מִיטְ'ן קִינְד, זַיְינֶע מַחְשָׁבוֹת אוּן גֶעפִילְן וְכוּ' - ווֶעט עֶר אֶפְשָׁר קֶענֶען ווֶערְן אוֹיסְגֶעהֵיילְט.

אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט ווַייטֶער גֶעזָאגְט: אֲפִילוּ ווֶען עֶס מַאכְט זִיךְ אַז מֶען הָאט רִיכְטִיגֶע טַעֲנוֹת אוֹיפְ'ן צְווֵייטְן, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, דִי מַאמֶע שְׁרֵייט צוּפִיל אוֹיף דִי קִינְדֶער אָדֶער פַארְשֶׁעמְט דִי קִינְדֶער וְכַדּוֹמֶה - קֶען מֶען זִיךְ אוֹיךְ נִישְׁט אָנְנֶעמֶען פַאר דִי קִינְדֶער אִין פָארְנְט פוּן זֵיי; אִין פָארְנְט פוּן דִי קִינְדֶער זֶענֶען טַאטֶע מַאמֶע אַלְץ גֶערֶעכְט, אֲפִילוּ ווֶען אֵיינֶע פוּן דִי עֶלְטֶערְן בַּאגֵייט זִיךְ נִישְׁט רִיכְטִיג צוּ דִי קִינְדֶער דַארְף מֶען נָאכְאַלְץ זָאגְן פַאר דִי קִינְדֶער: "מֶען דַארְף פָאלְגְן מַאמִי", מֶען דַארְף פָאלְגְן טַאטִי", נָאר וָואס יָא? שְׁפֶּעטֶער ווֶען דִי קִינְדֶער שְׁלָאפְן שׁוֹין גֵייט מֶען אַרַיין אִין אַ שְׁטוּב אָדֶער גֵייט מֶען אוֹיף אַ שְׁפַּאצִיר אוּן מֶען שְׁמוּעֶסְט זִיךְ אוֹיס, 'פַארְוָואס רֶעדְטְסְטוּ נִישְׁט שֵׁיין צוּ דִי קִינְדֶער...?' 'פַארְוָואס הָאסְטוּ דָאס גֶעטוּן...?' 'פַארְוָואס הָאסְטוּ דָאס גֶעזָאגְט...?' 'פַארְוָואס הָאסְטוּ פַארְשֶׁעמְט...?'; אָבֶער אִין פָארְנְט פוּן דִי קִינְדֶער זֶענֶען דִי עֶלְטֶערְן הוּנְדֶערְט פְּרָאצֶענְט גֶערֶעכְט.

אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט ווַייטֶער

מַאֲרִיךְ גֶעוֶוען אִיבֶּער דָאס שֶׁעדְלִיכְקֵייט פוּן רַייבֶּערֵייעֶן צְוִוישְׁן עֶלְטֶערְן אִין פָּארְנְט פוּן דִי קִינְדֶער, אוּן שְׁטַארְק גֶעוֵוייטָאגְט: וֶוער רֶעדְט נָאךְ וֶוען עֶלְטֶערְן מִישְׁן אַרַיין זֵייעֶרע קִינְדֶער אִינֶעם וִוכּוּחַ, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, דֶער טַאטֶע זָאגְט: "טוּ אַזוֹי" אוּן דִי מַאמֶע זָאגְט: "טוּ אַזוֹי", פַארְקֶערְט וִוי דֶער טַאטֶע, מִישְׁט דֶער טַאטֶע אַרַיין דֶעם קִינְד אוּן זָאגְט אִים: "זָאלְסְט טוּן וִוי אַזוֹי אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט..."; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָפְּהִיטְן וָואס פַאר אַ שָׁאדְן דָאס קֶען אָפְּמַאכְן אִינֶעם קִינְדְ'ס מֹחַ אוֹיף זַיין גַאנְצְן לֶעבְּן, אַזַא קִינְד וָואס זֶעט דָאס צוּ - דֶער קֶען מֶער נִישְׁט טְרַאכְטְן גְרָאד, זַיין מֹחַ וֶוערְט אִינְגַאנְצְן צֶעמִישְׁט אוּן פַארְדְרֵיידְט, רַחֲמָנָא לִצְלָן.

'שָׁלוֹם בַּיִת' - אִיז דִי וִוכְטִיגְסְטֶע יְסוֹד אִין חִינוּךְ; דָאס הָאט דֶער צַדִּיק גֶעזָאגְט פַארְ'ן מֶלֶךְ וָואס הָאט אִים גֶעבֶּעטְן עֶר וִויל הָאבְּן אַ זוּן, עֶר זָאל זִיךְ צֶעטֵיילְן מִיטְ'ן מַלְכָּה הַאלְבּ אוֹיף הַאלְבּ, דָאס מֵיינְט, זֵיי זָאלְן לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם וואוּסֶענְדִיג זֵיי זֶענֶען צְוֵויי אֵיינִיגֶע שֻׁתָּפִים, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט גְרוֹיסְן אֵיינֶער אִיבֶּערְ'ן אַנְדֶערְן.

דֶערְנָאךְ אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַרַיין אִין נָאךְ אַ שְׁמוּעֶס אִיבֶּער 'שָׁלוֹם בַּיִת' אוּן גֶעזָאגְט: עֶס אִיז זֵייעֶר וִוכְטִיג צוּ וִויסְן אִין לֶעבְּן וָואס אִיז דָאס וִוכְטִיגְסְטֶע אוּן וָואס אִיז נִישְׁט אַזוֹי וִוכְטִיג, אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט עֶס מַסְבִּיר גֶעוֶוען מִיט אַ מָשָׁל, וֶוען עֶס קוּמְט אֵיינֶער אַקֶעגְן דִיר אוּן וִויל דִיר גֶעבְּן אַ זֶעץ אִין אוֹיג, וָואס וֶועסְטוּ טוּן? דוּ וֶועסְט נֶעמֶען דַיין הַאנְט אוּן לֵייגְן בַּיי דִי אוֹיגְן כְּדֵי עֶס צוּ בַּאהִיטְן, אֵיי, דוּ וֶועסְט דָאךְ יֶעצְט כַאפְּן דֶעם זֶעץ אִין הַאנְט, דָאךְ בִּיסְטוּ עֶנְדֶערְשׁ גְרֵייט אַז דֶער זֶעץ זַאךְ גֶעלוּנְגֶען אִין הַאנְט וִוי אֵיידֶער עֶס זָאל גֶעלוּנְגֶען אִין אוֹיג רַחֲמָנָא לִצְלָן וָואס דֶעמָאלְט פַארְלִירְסְטוּ דַיין זֶע קְרַאפְט, הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵנוּ; דִי זֶעלְבֶּע אִיז מִיט 'שָׁלוֹם בַּיִת', אַ אִינְגֶערְמַאן דַארְף שְׁטֶענְדִיג הַאלְטְן פַאר דִי אוֹיגְן וָואס אִיז זַיין וִוכְטִיגְסְטֶע זַאךְ - 'שָׁלוֹם בַּיִת', דָאס אִיז וִוכְטִיגֶער אוּן קוּמְט פַאר אַלֶעם.

דֶערְפַאר אַז עֶס מַאכְט זִיךְ לֹא עָלֵינוּ בַּיים אִינְגֶערְמַאן אַ פְּרָאבְּלֶעם אִין זַיין בִּיזְנֶעס, דִי בִּיזְנֶעס גֵייט נִישְׁט גוּט וְכַדוֹמֶה, דַארְף עֶר נָאכְאַלְץ הַאלְטְן קָאפּ אוּן גֶעדֶענְקְן אַז דִי שְׁטוּבּ אִיז מֶער וִוכְטִיגֶער וִוי דִי בִּיזְנֶעס; דוּ קֶענְסְט נִישְׁט בְּלַייבְּן מֶער שָׁעוֹת אִין דִי בִּיזְנֶעס, בִּיזְ'ן נַאכְט אַרַיין, וֶוען עֶס גֵייט אוֹיף דִי חֶשְׁבּוֹן פוּן דַיין וַוייבּ; אַז דַיין וַוייבּ בֶּעט דִיר: 'קוּם אַהֵיים, אִיךְ פַאל פוּן דִי כֹּחוֹת, הֶעלְף מִיר מִיט דִי קִינְדֶער', זָאלְסְטוּ אַהֵיים גֵיין, מַיין נִישְׁט אַז אוֹיבּ דוּ וֶועסְט בְּלַייבְּן לֶענְגֶער אִין דִי בִּיזְנֶעס וֶועסְטוּ וֶוערְן אוֹיפְגֶערָאכְטְן וְכוּ', וַוייל דוּ קֶענְסְט פַארְלִירְן דַיין וַוייבּ, זִי פַאלְט דָאךְ שׁוֹין פוּן אִירֶע כֹּחוֹת, דִי אוֹיגְן אִיז דָאךְ וִוכְטִיגֶער פוּן דִי הַאנְט, אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז דִי שָׁלוֹם בַּיִת וִוכְטִיגֶער פוּן סֵיי וָואס עֶס זָאל נָאר זַיין.

דָאס אִיז דֶער 'חָכְמַת הַחַיִּים' - גֶעדֶענְקְן וָואס אִיז דָאס וִוכְטִיגְסְטֶע אוּן וָואס אִיז נִישְׁט אַזוֹי וִוכְטִיג. אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן נָאךְ בֵּיישְׁפִּיל דָאס וָואס מֶען הָאט פְרִיעֶר דֶערְמַאנְט, וֶוען דִי וַוייבּ שְׁרֵייט צוּפִיל אוֹיף דִי קִינְדֶער וְכַדוֹמֶה, זָאגְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א: אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ אָנְנֶעמֶען אוֹיף דִי קִינְדֶער אִין פָּארְנְט פוּן זֵיי, וֶועסְטוּ טַאקֶע רַאטֶעוֶוען דִי קִינְדֶער, אָבֶּער הָאסְט פַארְלוֹירְן דַיין גַאנְצֶע שְׁטוּבּ, דַיין וַוייבּ וָואס אִיז דָאס וִוכְטִיגְסְטֶע; עֶנְדֶערְשׁ זָאלְסְטוּ כַאפְּן דֶעם זֶעץ אִין הַאנְט, זָאל דַיין וַוייבּ עֶנְדִיגְן זִיךְ אוֹיסְגֶעבְּן אוֹיף דִי קִינְדֶער, אוּן שְׁפֶּעטֶער וֶועסְטוּ אִיר מַסְבִּיר זַיין אוּן בַּארוּאִיגְן אַז מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי אוֹיפְפִירְן מִיט קִינְדֶער וְכוּ', אָבֶּער אִין פָּארְנְט פוּן דִי קִינְדֶער קֶענְסְטוּ עֶס נִישְׁט טוּן, וַוייל דֶעמָאלְט פַארְלִירְסְטוּ דַיין אוֹיג, דַיין וַוייבּ - וָואס אִיז נָאךְ וִוכְטִיגֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן מִיר זָאלְן טְרֶעפְן דֶעם צַדִּיק, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, אוּן מִיר זָאלְן אִים פָּאלְגְן, וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן, אוּן צוּ גוּטֶע קִינְדֶער וָואס וֶועלְן זִיךְ פִירְן בְּדֶרֶךְ הַתּוֹרָה, אָמֵן.

(סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ה', מִבֶּן מֶלֶךְ שֶׁהָיָה מֵאֲבָנִים טוֹבוֹת, חֵלֶק א', פָארְגֶעלֶערְנְט שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיֵּרָא שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן, אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג)